בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

277

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת, וָואס טוּט מֶען?..........א

אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעפַאלְן, קֶען אִיךְ נָאךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?..........ג

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ צוּרִיק אָנְצוּהוֹיבְּן הִיטְן שַׁבָּת?..........ו

וִוי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַרוֹיס פוּן הַארְץ דִי פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ מַיין טַאטֶע?..........ח

אִיז דִי סְגוּלָה פוּן מִקְוֶה מַלְכָּה אִין יַבְנְאֵל אִיז אַן אֱמֶתְ'עֶ סְגוּלָה?..........ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דְרֵיי זִיךְ מִיט בָּחוּרִים יִרְאֵי שָׁמַיִם, וֶועט דִיר גוּט זַיין..........א

אַ שָׁאד אַז דוּ הַאלְסְט נִישְׁט דִי זְמַנִים פוּן כּוֹלֵל..........ב

אַז דִי יְשִׁיבָה אִיז אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג..........ב

דִי טֶערֶעפִּיסְטְן קֶענֶען דִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן..........ג

פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אַנְטְלוֹיף צוּם שׁוּל דַאוֶוענֶען..........ד

דִי הַרְגָשָׁה פוּן אַ שַׁבָּת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ..........ד

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶועט עֶס זַיין אַ תִּיקוּן פַאר דִיר..........ח

זוּכְט אַייךְ גֶעזוּנְטֶע חַבֶרְ'טֶעס..........ט

שִׁידוּךְ מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן אַ גֵר צֶדֶק..........ט

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בְּרָכָה אוֹיף דִי טֶעכְטֶער, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג..........י

שְׁמוּעֶס דִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶערְשְׁטְן יֶעדֶעס מָאל נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ..........יא

מִיר גֵייעֶן נִישְׁט צוּ דִי בְּחִידוֹת אוּן מִיר הָאבְן נִישְׁט מִיט קַיין שׁוּם פַּארְטֵיי..........יב

אִיבֶער דְרַייסִיג מִשְׁפָּחוֹת אַרָאפְּגֶעסֵיינְט פוּן טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ..........יד

אָפְּשֶׁערְן אַ קִינְד אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ..........טו

אִיךְ בָּארְג נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה בִּיז אִיךְ בַּאצָאל אַלֶע חוֹבוֹת בִּיז אַהֶער .............. טו

שִׁיק נִישְׁט קַיין יוּנְגֶע בָּחוּרִים קַיין אַמֶערִיקֶע.......................................... טז

דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין יְשִׁיבָה, בְּלַייב אִין בֵּית הַמֶדְרָש מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים............ יז

סֵדֶר הַשִׁיעוּרִים פַאר אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה.............................................. יז

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן סֵפֶר תְּהִלִים.................................. יט

אִינְוֶועסְטִיר נָאר אִינְדֶערְהֵיים, וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער .................. יט

לֵייג וַוייטֶער אַרוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף "קוֹל הַלָשׁוֹן"........................................ כא

אִיךְ וִויל אִם יִרְצֶה הַשֵׁם גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.............................. כא

סְגוּלוֹת פַאר פַּרְנָסָה אוּן עֲשִׁירוּת............................................................ כב

אַ לֶערְעִרִין דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ .................................................. כג

פְּרוֹיעֶן קֶענֶען מַאכְן הַפָּצָה פַאר פְּרוֹיעֶן ....................................................... כד

חִזּוּק פַאר קְרַאנְקֶע אִידְן אִין שְׁפִּיטֶעלֶער..................................................... כה

דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַן הַקְפָּדָה................................................ כו

זַייט מִיר מַזְכִּיר בַּיים זָאגְן תְּהִילִים........................................................... כז

גֶעוּוינֶען דִי לַאטֶערִי, וֶועט מִיר מַאכְן פְרֵיילִיךְ? .............................................. כח

שְׁפִּיר נִישְׁט שׁוּלְדִיג אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ ................................ כט

אִיךְ וִויל מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיב זֵייעֶר אַרְבֶּעט ........................ ל

צְוֵויי זַאכְן דַארְף מֶען טוּן צוּ בְּלַייבְּן מְקֻשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן.................................. לא

הַאלְט קָאפּ נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן שַׁבָּת אִין גֵיהִנוֹם ............................................ לג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת, וָואס טוּט מֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק יוֹמִי.

אִיךְ וֵויס נִישְׁט פוּן וואו אָנְצוּהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן, מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער. צוּם עֶרְשְׁט זֶע אִיךְ אַז מַיין מַאן לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין שׁוֹין פַּאר אִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר דַאוֶונְט נִישְׁט.

צְוֵוייטְנְס, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת, מַיין מַאן אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מִיר אוּן הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ מִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער; עֶר הָאט אַ פַּרְנָסָה וָואס עֶר אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן נָאךְ אַרְבֶּעט אִין זַייטִיגֶע צַייטְן, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט אוֹיס אַז עֶר אִיז כִּמְעַט קֵיינְמָאל אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אֶפְשָׁר דַארְף עֶר מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן, וַוייל וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים מַאכְט עֶר אַזַא פָּנִים ווִי עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ רֶעד, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ וִויל פוּן אִים.

וָואס טוּט מֶען? אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בְּרָכָה אִין גָארְנִישְׁט, אִיךְ וַוארְט ווִיכְטִיג אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער וָואס זָאל מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד) אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר זוּכְט אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים, עֶר לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶערְפַאר אַז עֶס אִיז אַייךְ בִּיטֶער, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת - זָאלְט אִיר אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס, סַיי בַּיי אַייךְ אוּן סַיי בַּיי אַייעֶר מַאן - אוּן דַאנְקֶען אוֹיף דָאס גוּטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט; אַזוֹי וֶוערְט טַאקֶע בְּרֵייט, וַוייל וִוי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען, מֶען הוֹיבְּט אָן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט זֵייעֶר גוּט.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אוֹיפְהֵייבְּן אַייעֶר מַאן'ס מוּט, אִים מְחַזֵּק זַיין אוּן אִים שְׁטַארְקֶן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ" אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר מַאן, "וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ" אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט אִיר מַאן; אַ פְרוֹי מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען זִיךְ מַאכְן אַ גַן עֵדֶן פוּן אִיר לֶעבְּן, זִי מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מַאן. זִי דֶערְשְׁמֶעקְט גְלַייךְ זַיין מַצָּב, אוּן אַז זִי זֶעט עֶר אִיז יֶעצְט נִישְׁט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ - מַאכְט זִי אִים פְרֵיילִיךְ; זִי וַוארְט נִישְׁט עֶר זָאל אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, זִי טוּט דָאס, זִי גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעפַאלְן, קֶען אִיךְ נָאךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ', דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז מַיין לֶעבְּן; מַיין רוּחְנִיּוּת'דִיגֶע לֶעבְּן אוּן מַיין גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע לֶעבְּן, אוּן יֶעצְט וִויל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן מִיט מַיין שְׁוֶוערֶע לֶעבְּנְ'ס גֶעשִׁיכְטֶע.

מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ מִיר וֶועגְן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעהֶערְט אִיבֶּער קְדוּשָׁה, אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן לֵיידֶער הָאט דָאס מִיר אָפְּגֶעקָאסְט מַיין לֶעבְּן.

שׁוֹין אִין כִּתָּה ב' גֶעדֶענְק אִיךְ אַז עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם אוּן מִיר צוּגֶערֶעדְט צוּ טוּן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, זִיךְ אָנְרִירְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוֹיף אַ וֶועג וָואס מֶען טָאר נִישְׁט רַחֲמָנָא לִיצְלָן. שְׁפֶּעטֶער זַייעֶנְדִיג עֶלְף יָאר בִּין אִיךְ ווִידֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מַיין מַאמֶע הָאט גֶעהַאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט, אוּן אֵיינְמָאל וֶוען זִי הָאט גֶעקוֹיפְט אַ נֵייעֶ טֶעלֶעפָאן אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט לַאנְגְווֵיילִיג, הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן יֶעדֶע נַאכְט גֶעקוּקְט דָארְט דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן.

בִּיז אֵיין נַאכְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן אַ ווִידְיאָ פוּן אַ דְּרָשָׁה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם טֶעלֶעפָאן, בִּיז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט צוּגֶערִירְט דֶערְצוּ פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים. אָבֶער זַייט דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין מַיין מֹחַ גֶעוֶוען פַארְבְּרֶענְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן בִּיז הַיינְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֵיין שׁוּם טַעַם אִין לֶערְנֶען.

אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען מַיין גְרֶעסְטֶע יְרִידָה, אִיךְ הָאבּ ווִידֶער אָנְהוֹיבְּן קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מַאוִויס, דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין פַארְבִּינְדוּנְג מִיט מַיינְ'ס אַ קָאזִינֶע, גָאר אַ פַארְדָארְבֶּענֶע, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט זִי אוֹיס עֶרְלִיךְ, אָבֶער אִינֶעוֵויינִיג אִיז זִי

גֶענְצְלִיךְ פַארְדָארְבְּן. אִיךְ פְּלֶעג זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִיר אוּן טוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִין יֶענֶע צַייט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ גֶעוָואלְט נֶעמֶען דָאס לֶעבְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם טַעַם אוּן סִיפּוּק אִין מַיין לֶעבְן; בִּיז אִיךְ הָאבּ ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

יֶעצְט הַאלְט אִיךְ פַאר מַיין בַּר מִצְוָה, אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, אִיךְ שְׁלָאג זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת מִיט מַיין יֵצֶר הָרָע נִישְׁט צוּרִיק צוּ פַאלְן צוּ דִי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער אֵיין זַאךְ אִיז מִיר גָאר שְׁוֶוער, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז צוּ קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ גֵיי אוֹיפְ'ן גַאס מִיט דִי קָאפּ אוֹיף אַרוֹיף, אוּן אִיךְ מוּז קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע מֵיידְל וָואס גֵייט דוּרְךְ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן.

אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי סַאךְ אַז אִיךְ ווִיל זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן; וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן מִיר אוּן אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט בֵּייקוּמֶען?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר, אוּן מִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק, וַוייל אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ פַאלְן אִין גְרוּבּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ קִינְד, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייסְטוּ וֶוערְן אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר - קֶענְסְטוּ יֶעצְט אָנְהוֹיבְן אַ נַייעֶר בְּלֶעטְל אִין לֶעבְן. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (מִשְׁפָּטִים, צח.) וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט בַּר מִצְוָה - וֶוערְט עֶר נֵיי גֶעבּוֹירְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ב, ז): "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", עֶר בַּאקוּמְט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, עַיֵּין שָׁם.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם? וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס בְּרֶענְט אִין דִיר אַ פֵייעֶר צוּ קוּקְן אוֹיף מֵיידְלֶעךְ, דוּ וֶוערְסְט פַארְבְּרֶענְט, נָאכְדֶעם וָואס דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט זִיךְ צוּ הִיטְן, דוּ הָאסְט שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, גִלּוּי עֲרָיוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ זִיךְ דֶערְוְוּיסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וִוי מֶער דוּ הֶערְסְט אוּן לֶערְנְסְט פוּן רֶבִּי'ן – זֶעסְטוּ אִין וָואס פַאר אַ פְּלָאנְטֶער דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; הוֹיבּ אָן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה כְּסִדְרָן, גֵיי אִין אַ סֵדֶר, פוּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען – זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס וֶועט אוֹיסְרַייסְן דַיין אַלְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט, עֶס וֶועט דִיר מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, "שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" – וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אוּן אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית –

הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ׳כַּךְ וְכַּךְ׳ וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, אַלֶעס אַלֶעס זָאלְסְטוּ אִים דֶערְצֵיילְן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט. שְׁמוּעֶס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל אִים אַז דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט גֶעוְוּיסְט, מֶען הָאט דִיר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אוּן אַזוֹי בִּיסְטוּ נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הַארְבְּסְטֶע זַאכְן. אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר פַארְגֶעבְּן אוּן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ - וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן דוּ וֶועסְט וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דִי צְוֵויי עֵצוֹת וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן; דַארְפְסְט נָאר הָאבְּן אַבִּיסְל סַבְלָנוּת, אוֹיסְהַאלְטְן מִיט גֶעדוּלְד, מִיט אַסַאךְ חִיזוּק. וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט זֶען וִוי דוּ הוֹיבְּסְט אָן אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים וֶועט עֶר דִיר פְּרוּבִּירְן נָאכְלוֹיפְן, עֶר וֶועט דִיר נִישְׁט וֶועלְן אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶעבְּן. אָבֶּער שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אִיז שְׁטֶערְקֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת, אוּן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ צוּרִיק אָנְצוּהוֹיבְּן הִיטְן שַׁבָּת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ אִידִישְׁקֵייט, צוּ זַיין אַ פְּשׁוּטְ'עֶר אִיד. אִיךְ הָאבּ זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער, דֶער עִיקַר אִיז צוּ קוּקְן אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, אוּן דָאס הֶעלְפְט מִיר אַסַאךְ אַרוֹיס.

וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ וִויל הִיטְן

שַׁבָּת, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס עֶס קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוֵוייזְן. אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁרֵיי אוּן אִיךְ וֵויין צוּ אִים, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וֶוערְט מִיר נָאר שְׁוֶוערֶער אוּן שְׁוֶוערֶער יֶעדְן שַׁבָּת. אִיךְ שְׁפִּיר יֶעדְן שַׁבָּת וִוי אִיךְ וֶוער מֶער אוּן מֶער אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט, אַלְץ ווייטֶער אוּן ווייטֶער.

אִיז דָא עֶפֶּעס הַדְרָכָה אוּן עֵצוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כה, יב): "אִם תִּזְכּוּ לִשְׁמֹר שַׁבָּת מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ שְׁמַרְתֶּם כָּל הַמִּצְווֹת שֶׁבַּתּוֹרָה, וְאִם חִלַּלְתֶּם אוֹתָהּ מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ חִלַּלְתֶּם כָּל הַמִּצְווֹת", וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הִיט אָפּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט שַׁבָּת - לֵייקֶנְט מֶען בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; הִיטְן שַׁבָּת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת קיח:): "כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ, אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ, מוֹחֲלִין לוֹ", וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נו, ב): "'אַשְׁרֵי אֱנוֹשׁ יַעֲשֶׂה זֹּאת וּבֶן אָדָם יַחֲזִיק בָּהּ, שֹׁמֵר שַׁבָּת מֵחַלְּלוֹ, וְשֹׁמֵר יָדוֹ מֵעֲשׂוֹת כָּל רָע׳, אַל תִּקְרֵי מֵחַלְּלוֹ אֶלָּא מָחוּל לוֹ".

הִיט שַׁבָּת - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת, שָׁם): "כָּל הַמְעַנֵּג אֶת הַשַּׁבָּת נוֹתְנִין לוֹ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מְעַנֵּג שַׁבָּת, עֶר הָאט פַארְגֶענוּגְן שַׁבָּת - גֶעבְּט מֶען אִים פוּן הִימְל גוּטְס אָן קַיין עֶנְדֶע, נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כָּל הַמְעַנֵּג אֶת הַשַּׁבָּת נוֹתְנִין לוֹ מִשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ", וֶוער עֶס פְרֵיידְט זִיךְ שַׁבָּת - גֶעבְּט מֶען אִים פוּן הִימְל אַלֶעס וָואס עֶר בַּאגֶערְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער – וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן שַׁבָּת אוּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן שַׁבָּת, אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת; אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. יֶעדֶע שַׁבָּת וֶוערְט מִיר אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, אִיךְ וֶוער אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶערְבִּיטֶערְט אַז אִיךְ פַארְלִיר מַיין שֵׂכֶל אוּן אִיךְ בִּין מְחַלֵל שַׁבָּת; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל הִיטְן שַׁבָּת, אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן שַׁבָּת".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**ווִי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַרוֹיס פוּן הַארְץ דִי פַיינְטְשַׁאפְט צוּ מַיין טַאטֶע?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טוּט פַאר מִיר, בְּעִיקָר פַאר'ן מִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַסַאךְ פוּן מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע, אִיךְ פְּרוּבִיר דָאס בֶּעסְטֶע עֶס צוּ טוּן, אוּן אִיךְ טוּ עֶס בָּרוּךְ הַשֵּׁם. וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ פְּשׁוּט פַיינְט מַיין טַאטֶע פַאר אַלֶעס וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעטוּן וְכוּ', אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען בִּיטֶע נֶעמֶען דִי פָּאר מִינוּט אוּן מִיר עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פרשת וירא, י"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**צְוֵויי זַאכְן דַארְפְּסְטוּ וִויסְן, אֵיינְס: מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע – זָאל**

זַיין וָואס זָאל זַיין; דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", נִישְׁט נָאר וֶוען מֶען הָאט לִיבּ דֶעם טַאטְן; אַ טַאטֶע דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אִין יֶעדְן פַּאל.

צְוֵוייטְנְס: זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף דַיין טַאטֶע מִיט רַחְמָנוּת; וֶוען מֶען קוּקְט מִיט רַחְמָנוּת אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב) אַז מֶען זוּכְט אוֹיף גוּטְס אִין אַ צְוֵוייטְן - וֶוערְט יֶענֶער גוּט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נֶעם אַרַיין אִין דִיר דֶעם גֶעדַאנְק אַז 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דַיין טַאטֶע, דַיין מַאמֶע, דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, דוּ אַלֵיינְס, דַיין גֶעלְט אוּן דַיין אַלֶעס - אִיז נָאר אֱלֹקוּת'.

פַארְוָואס דֶער דַארְף לַיידְן, פַארְוָואס דֶער אִיז אָרֶעם אוּן פַארְוָואס דֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ - אוֹיבְן אִיז דָא אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף דָאס אַלֶעס; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל... אֶפְשָׁר הָאסְטוּ גֶעפַּיינִיגְט אֵיינֶעם אוּן יֶעצְט דַארְפְסְטוּ דָאס אַלֵיינְס אַרִיבֶּערְגֵיין? מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז גוּט בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז דִי סְגוּלָה פוּן מִקְוֶה מַלְכָּה אִין יַבְנְאֵל אִיז אַן אֱמֶתְ'עֶ סְגוּלָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען שׁוֹין מִתְפַּלֵּל אַ לַאנְגֶע צַייט גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער, סְפֶּעצִיעֶל אַז מִיר הָאבְן דֶערְוַוייל נָאר אִינְגְלֶעךְ.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי סְגוּלָה פוּן מִקְוֶה מַלְכָּה אִין יַבְנְאֵל אִיז אַן אֱמֶתְ'עֶ סְגוּלָה? אִיז דָא בַּאקַאנְטֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן?

מִיר ווִילְן דִי וָואךְ פָארְן קַיין יַבְנְאֵל, אָבֶער אִיךְ וִויל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע בֶּאֱמֶת דָא אַזַא סְגוּלָה.

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אוּנְז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי אִיז דָאס אַן אֱמֶתְ'עֶ סְגוּלָה; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט דִי מִקְוֶה טָהֳרָה מִקְוֶה מַלְכָּה אִין יַבְנְאֵל - מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. מֶען הָאט דָאס גֶעבּוֹיט שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, וַוייל דָארְט אִין יַבְנְאֵל אִיז דָא אַ רָב, אַ מָסוּר - וָואס הָאט טָאג אוּן נַאכְט גֶע'מַסְר'ט מוֹהֲרָא"שׁ. דֶער רָב אִיז אַ רָב מִטַּעַם הָעֵרֶב רַב, עֶר הָאט דָארְט אַ מִקְוֶה טָהֳרָה אָן קַיין מֵי גְּשָׁמִים, עֶר הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט אִסּוּרֵי כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר קְדֻשָּׁתָן וְטָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעבּוֹיט דִי מִקְוֶה, אוּן גֶעזָאגְט אַז דִי מִקְוֶה אִיז מְסוּגָּל פַּאר קִינְדֶער.

אוֹיךְ בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת, אוּן מֶען קֶען דָארְט זֵייעֶר תְּשׁוּבָה טוּן. עֶס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע פְּלַאץ, אַלֶע זָאגְן עֵדוּת אַז וֶוען מֶען קוּמְט אַהִין עֶפֶנְט זִיךְ דָאס הַארְץ, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, סִימָן ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה" אַזוֹי ווִי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה" אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר - וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם" אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵלְ'ן פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דְרֵיי זִיךְ מִיט בָּחוּרִים יִרְאֵי שָׁמַיִם, וֶועט דִיר גוּט זַיין**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ קוּמְסְט צוּרִיק דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זְמַן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; חוּמָשׁ מִיטְ׳ן תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג פוּן דִי וָואךְ, אוּן יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוֹיךְ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן שְׁנֶעל דַיין שִׁידוּךְ.

פָארִיגֶע יָאר, שְׁנַת תשפ״ב - אִיז גֶעוֶוען פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג שִׁידוּכִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן דִי יָאר וֶועט זַיין נָאךְ מֶער; עֶס אִיז שׁוֹין דָא פְרִישֶׁע חֲתַנִים פוּן דִי נֵייעֶ יָאר. אִיךְ וִויל אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַ חָתָן וֶוערְן בְּקָרוֹב.

אָבֶער אִיךְ בֶּעט דִיר קוּם צוּרִיק, קוּם יֶעדְן טָאג, קוּם צַייטְלִיךְ. קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים, דְרֵיי זִיךְ מִיט בָּחוּרִים יִרְאֵי שָׁמַיִם - וֶועט דִיר גוּט זַיין.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

### אַ שָׁאד אַז דוּ הָאלְסְט נִישְׁט דִי זְמַנִים פוּן כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דוּ הָאלְסְט נִישְׁט דִי זְמַנִים פוּן כּוֹלֵל, דוּ קוּמְסְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ. יֶעצְט זָאגְט מִיר דַיין חַבְרוּתָא אַז עֶר ווִיל אַ צְוֵוייטֶע חַבְרוּתָא פַאר'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר; עֶר אִיז בְּעֶצֶם זֵייעֶר צוּפְרִידְן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִיר, וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין כּוֹלֵל לֶערְנְסְטוּ פְלַייסִיג, אָבֶּער בִּיז דוּ קוּמְסְט אָן דַארְף עֶר וַוארְטְן; עֶס אִיז אִים נִישְׁט גוּט, עֶר ווִיל אֵיינֶער וָואס נֶעמְט עֶרְנְסְט כּוֹלֵל.

בְּנוֹגֵעַ קוֹיפְן אַ דִירָה אִינֶעם נֵייעֶם שְׁטֶעטְל וְכוּ'; עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבּ אִין כּוֹלֵל אוּן וואוֹין פַאר רֶענְט מִיט מְנוּחָה, ווִי אֵיידֶער הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע דִירָה אוּן דַארְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן כּוֹלֵל צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת.

אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה - וֶועט קוּמֶען פַאר דִיר אַ דִירָה אָן דַארְפְן דַאֲגָה'נֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, ה): "כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה, מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עֹל מַלְכוּת וְעֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ".

זֶע צוּ הִיטְן דִי זְמַנִים.

...

### אַז דִי יְשִׁיבָה אִיז אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

לְעֵת עַתָּה אַז דִי יְשִׁיבָה אִיז אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ פָארְן יֶעדְן טָאג אַהִין אוּן צוּרִיק. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, לְמַעֲשֶׂה צִיט זִיךְ דָאס, מֶען הָאט נָאכְצַאלְץ נִישְׁט אַ פַּאסִיגֶער פְּלַאץ פַאר דִי יְשִׁיבָה.

מַיין דִירָה אִין שְׁטָאט אִיז זֵייעֶר בְּצוּמְצָם; אָדֶער דַארְף מֶען זִיךְ צוּאַיילְן מִיט פְלֶענֶער צוּצוּשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי יְשִׁיבָה, אָדֶער וֶועל אִיךְ זִיךְ דַארְפְן אַרִיבֶּערְצִיעֶן צוּ אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה דָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דִי טֶעג גֵייעֶן אַרִיבֶּער, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מִיר לֶערְנֶען - דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

גֵיי יֶעדְן טָאג אוּנְטֶער דַיין הוֹיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; הָאסְט אַ שְׁטִיקְל וֶועלְדְל, זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד זַיין פַאר אַפָּאר מִינוּט.

...

### דִי טֶערֶעפִּיסְטְן קֶענֶען דִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּגָמִים.

דִי טֶערֶעפִּיסְטְן קֶענֶען דִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן; וָואס קֶען טֶערֶעפִּי הֶעלְפְן פַארְ׳ן בְּרֶענֶעדִיגְן יֵצֶר הָרָע וָואס פְלַאקֶערְט אוּן בְּרֶענְט אוּן וַוארְפְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית?! וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין נַשְׁגַ״ז, בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גוֹיִם וְגוֹיוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית; וֶועט נָאר דֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי, דֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער - דִיךְ קֶענֶען הֵיילְן מִיט זַיינֶע תְּרוּפוֹת, מִיט זַיינֶע עֵצוֹת.

חַ״י פְּרָקִים - דָאס נֶעמְט אַרוֹיס פוּן דִי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, חַ״י פְּרָקִים קִילְט אָפּ דֶעם יֵצֶר הָרָע.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, קוּם אִין יְשִׁיבָה, שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן אַלֶע לֵיצָנוּת; קוּם אִין יְשִׁיבָה פוּנֶעם צַדִיק אוּן טוּ דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיבּ דוּ װֶעסְט קוּמֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – װֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. אִיךְ הָאף צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן, דוּ װֶעסְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן רֵיינִיגְן אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

## פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אַנְטְלוֹיף צוּם שׁוּל דַאוֶֹועֶנֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת – שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב; דַאוֶֹוען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, מִיט אַ סִידוּר; דָאס זָאל זַיין דַיין שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ, דַיין וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ – וַוייל דָאס הַאלְט דֶעם אִיד שְׁטַארְק צוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דוּ װֶעסְט הָאבְּן שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, עֶס װֶעט דִיר אוּנְטֶערְקוּמֶען שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; אֵיין טָאג װֶעסְטוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט פַּרְנָסָה, אַ צְוֵוייטֶע טָאג מִיט דַיין וַוייבּ, אַ דְרִיטֶע טָאג מִיט אַנְדֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען – דָאךְ זָאלְסְטוּ אַלֶעס לֵייגְן אִין דִי זַייט, אוּן װֶען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן דַאוֶֹועֶנֶען – זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם שׁוּל אוּן דַאוֶֹועֶנֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ װֶעסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם – װֶעסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

...

## דִי הַרְגָשָׁה פוּן אַ שַׁבָּת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי הַרְגָשָׁה וָואס מֶען שְׁפִּירְט װֶען מֶען אִיז אַ שַׁבָּת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דִי

תְּמִימוּת, דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק. אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אוֹיפְ׳ן שְׁפִּיץ גָאפְּל אַפָּאר שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ דִי סְעוּדַת לֵיל שַׁבָּת זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען בָּחוּרִים בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת אוּן גֶערֶעדְט הִתְחַזְקוּת. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ שִׁידוּךְ אִין יְשִׁיבָה, דֶער חָתָן אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ דִי בָּאטֶע. אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל גֶעבְּן חִיזוּק פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס דַארְפְן שִׁידוּכִים", הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע חִיזוּק, אַז מֶען זֶעט אַ צְוֵוייטְן אַ חָתָן וֶוערְן. וֶוען מֶען זֶעט אַ צְוֵוייטְן מַאכְן אַ שִׂמְחָה; אַ שִׁידוּךְ, אָדֶער קִינְדֶער - אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע חִיזוּק צוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִיסִים, דָאס גֶעבְּט חִיזוּק אַז אִיךְ וֶועל אוֹיךְ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַאר׳ן דַאוֶונֶען הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעלֶערְנְט, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְקִילְט. אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ פַארְקִילְט, אִיךְ הִיס זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער דָאס רֶעדְן. נָאכְן דַאוֶונֶען בַּיי דִי קִידוּשׁ הָאבּ אִיךְ יָא פָארְגֶעלֶערְנְט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהִיסְט, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע הִתְחַזְקוּת.

מִיר הַאלְטְן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג), דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע יְרִיד אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ אַהִינְגֶעגַאנְגֶען. הָאבְּן דִי בֶּעטְלֶערְס גֶעטְרַאכְט 'אֶפְשָׁר קֶען מֶען מַאכְן אַ שִׁידוּךְ צְווִישְׁן דִי צְוֵויי קִינְדֶער?' הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט, דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז דָא אַז מֶען קֶען זַיין אִינְמִיטְן מַארְק, אִינְמִיטְן מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן - אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן. מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן 'אַ אִיד קֶען מֶען זַיין נָאר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִין יְשִׁיבָה, אִין כּוֹלֵל, אָבֶּער אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אִין מַארְק, מֶען דְרֵיידְט זִיךְ צְווִישְׁן אוּמוֹת הָעוֹלָם, מֶען הַאנְדְלְט - קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם'; דָא זֶעעֶן מִיר אַז דַוְקָא אִין מַארְק אִיז גֶעוָוארְן דִי שִׁידוּךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן בֶּענְקֶען אוּן גְלִיסְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן סֵיי וואוּ מִיר זֶענֶען; סֵיי אִין שׁוּל, סֵיי אִין מַארְק; מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ, סֵיי אִין שׁוּל אוּן סֵיי אִין גַאס צִי אִין מַארְק.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פֵייעֶרְדִיגֶע דִיבּוּרִים. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ו, ט): "אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ", נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֵיינְט דָאס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער קֶען מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א): "כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר, וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר", אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט, וָואס עֶר טוּט זָאל עֶר טְרַאכְטְן צִי אִיז דָאס דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיבּ אִיז דָאס רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ - זָאל עֶר דָאס טוּן אוּן אַז נִישְׁט - נִישְׁט. אַזוֹי אוֹיךְ, וָואס עֶר זֶעט אוּן וָואס עֶר הֶערְט זָאל עֶר טְרַאכְטְן אַז דָאס אִיז פַאר אִים אַ רֶמֶז ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹת ח', מֶען לֶעבְּט, חַיּוּת; מֶען זֶעט אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער דִי מַדְרֵיגָה, צוּ זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ לֵייטֶער צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם; אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען גְלֵייבְּט אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָא חַיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ - דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, דָאס אִיז דִי אוֹת נ', בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נֹחַ; דָאס זָאגְט דִי תּוֹרָה, נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אִין יֶעדֶע זַאךְ גֶעקוּקְט וָואס אִיז דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, זַאכְן וָואס אִיז גֶעמַאכְט פַאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים - בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי פַאר אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, מִיר זָאלְן אוֹיךְ אַרוּמְגֵיין בֶּענְקֶען אוּן גְלִיסְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט קִידּוּשׁ לְבָנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי

מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפג) מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן קַיין ז׳ שְׁלֵמִים, מֶען קֶען שׁוֹין מַאכְן נָאךְ דְרֵיי טֶעג.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען אָבוֹת וּבָנִים. דֶער מְלַמֵד ר׳ יְחֶזְקֵאל סַאמֶעט נֵרוֹ יָאִיר מַאכְט זֵייעֶר שֵׁיין דִי אָבוֹת וּבָנִים, מֶען טֵיילְט אוֹיס פַּאר דִי קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיט דִי טַאטֶעס - טִיקֶעטְס, נַאשׁ מִיט פְּרָסִים. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ פָּארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

מְלַוֶה מַלְכָּה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעגֶעסְן מִיט דִי בָּחוּרִים, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ זִיצְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן הִיסְן אִין זֵייעֶר פָּנִים. אָבֶּער מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִים שְׁלִיטָ"א אִיז אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען מִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם מִשְׁנָיוֹת, דִי זֶעקְס אוּן פוּפְצִיגְסְטֶע מָאל. בַּיים סוֹף הָאבּ אִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר גֶעהִיסְט, הָאבְּן מִיר גֶעבֶּענְטְשְׁט.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶועל אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען הַיינְט קַיין קָאפְּלְס, וַוייל אִיךְ הִיס זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ קֶען נִישְׁט זִיצְן אוּן הִיסְן פַּאר מֶענְטְשְׁן אִין זֵייעֶר פָּנִים; בֶּעט פַּאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

אִיךְ טוּ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ טוּן, טְרִינְקֶען טֵיי אוּן זָאגְן תְּהִלִים; אִיךְ טְרִינְק טֵיי אוּן אִיךְ זָאג כִּי טוֹב הַשֵּׁם לְעוֹלָם חַסְדוֹ, קַאפִּיטְל ק׳ - מִזְמוֹר לְתוֹדָה.

אִיךְ וִויל עֶנְדִיגְן מִיט אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן. אֵיינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט פַּאר אַ צְוֵוייטְן, דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "אָדָם יְסוֹדוֹ מֵעָפָר" אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן עֶרְד, "וְסוֹפוֹ לְעָפָר" אוּן עֶר גֵייט צוּרִיק צוּ עֶרְד; פְרֶעגְט אִים זַיין חַבֵר: "וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער? מֵילָא וֶוען דוּ וָואלְסְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן גָאלְד אוּן בַּיים סוֹף גֵייט מֶען דִיךְ לֵייגְן אִין עֶרְד - אִיז דָא וָואס צוּ וֵויינֶען, אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס קוּמְט פוּן עֶרְד אוּן עֶס גֵייט צוּרִיק צוּ עֶרְד אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִינְדֶערְמִיט בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אָנְגֶעטוּן טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער - וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען...?"

דָאס אִיז מַמָּשׁ אִין קוּרְצְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֶע יָארְן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיר קוּמֶען פוּן עֶרְד אוּן מִיר גֵייעֶן בַּאלְד צוּרִיק צוּ דִי עֶרְד; אוּן ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס כַאפְּט אַרַיין, נִישְׁט אַ גְלֶעזְל וָואדְקֶע, נָאר אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן הֲפָצָה - אַשְׁרֵי לוֹ!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶועט עֶס זַיין אַ תִּיקוּן פַאר דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, דֶער רֶבִּי הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן בְּלָאטֶע - יֶעצְט צִיסְטוּ אַרוֹיס אַנְדֶערֶע פוּן בְּלָאטֶע. אַז דוּ פְּלֶעגְסְט קוּקְן מָאוִויס אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דִי שֵׂכֶל דָאס אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אוּן הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה - זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיינֶע תַּלְמִידִים יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן קַיין מָאוִויס אוּן הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן דַיינֶע, אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם - מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זוּכְט אַייך גֶעזוּנְטֶע חַבֶר'טֶעס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נֶעמְט אַייךְ דֶעם כְּלַל; וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, אַז עֶר אִיז מָשִׁיחַ - אִיז דָאס אַ סִימָן אַז אָט אָט קוּמְט אַ נֶערְוֶועז בְּרָאךְ, אָדֶער הַאלְט מֶען שׁוֹין לֵיידֶער נָאכְן נֶערְוֶועז בְּרָאךְ.

פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס זִי זָאגְט אַייךְ וֶועגְן חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ', דַארְפְט אִיר פַארְשְׁטֵיין אַז זִי הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעלֵיינְט אַפִּיקוֹרְסִי'שֶׁע בִּיכֶער, זֵייעֶרֶע חֲלוֹמוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

לָאזְט אַייךְ אָפּ פוּן אִיר, זוּכְט גֶעזוּנְטֶע חַבֶר'טֶעס אוּן בְּרֶענְגְט אִיר נִישְׁט צוּ מִיר. אִיךְ נֶעם נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם פְּרוּוועֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ, אִיךְ רֶעד נָאר מִיט בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר נָאךְ מִיט יָארְן צוּרִיק אָנְגֶעזָאגְט, וֶוען מֶען הָאט בַּאשְׁמוּצְט אַ רָב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְכוּ' וְכוּ', אַז אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען פְּרוּוֶען, אוּן אַזוֹי טוּ אִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### שִׁידוּךְ מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן אַ גֵר צֶדֶק

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, מֶען הָאט דִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, דוּ בִּיסְט אַרוֹיס מִיט דִי מֵיידְל אוּן יֶעצְט זָאגְט מֶען דִיר אַז אִיר טַאטֶע אִיז אַ גֵר צֶדֶק, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס צוּ טוּן.

אַ גֵר צֶדֶק אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם; דַארְפְסְט נָאר מְבָרֵר זַיין וֶוער הָאט גֶעמַאכְט דִי גֵרוּת, אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶע בֵּית דִין.

שְׁטַארְק זִיךְ, הָאב נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם.
שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
...

### אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בְּרָכָה אוֹיף דִי טֶעכְטֶער, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מָאנְסִי, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, דָאךְ בִּין אִיךְ גֶעפָארְן וַוייל דֶער חָתָן אִיז מִיר זֵייעֶר נָאנְט. אוֹיךְ זַיין טַאטֶע הָאט זֵייעֶר מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ, בִּפְרַט דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר פוּן דִי הַארְץ אַטַאקֶע הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּ דִי חֲתוּנָה. נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם רִיבְנִיצֶער רֶבִּי'ס צִיוּן, אִיךְ הָאבּ דָארְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְקִילְט, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ הִיסְן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעצְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ גוּט שְׁפִּירְן.

מָארְגְן נַאכְט וֶועלְן אַלֶע מַאמֶעס פוּן שְׁטֶעטְל זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִין סְקוּל רֶעדְן מִיט דִי לֶערֶערִינְס אוּן הֶערְן שֵׁיינֶע הַדְרָכוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי טֶעכְטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, י): "וְיִשְׁמְרֶךָ" מֵיינְט מֶען "בְּבָנוֹת", מֶען דַארְף אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בְּרָכָה אוֹיף דִי טֶעכְטֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג. זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען זַיין צַייטְלִיךְ. אוֹיךְ וֶועט מֶען אוֹיפְשְׁפִּילְן אַ דְּרָשָׁה, ווִיכְטִיגֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זָאגְן פַאר דִי מַאמֶעס בְּנוֹגֵעַ דִי חִינוּךְ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאכְנִישְׁט וָואס דוּ זָאגְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ אָפְּוַואשְׁן אִינְגַאנְצְן פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' גִימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְלִיפָּה הַמַּחֲטִאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת 'לִילִית'", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט אַלֶעס טוּן - אוֹיסֶער עֶפֶּענֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לֶערְנֶען גְמָרָא, וַוייל דָאס פַארְבְּרֶענְט אִים אִינְגַאנְצְן.

גֵיי אַבִּיסְל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר. לָאז דִיךְ אָפּ פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן; אַ שָׁאד זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם. גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אַלֶעס; שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, רֶעד צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט - וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן בַּיי דִיר צוּם גוּטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### שְׁמוּעֶס דִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעס מָאל נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען רֶעדְט דִיר וְכוּ'; דוּ אִינְטֶערֶעסִיר זִיךְ פַארְוָואס זִי הָאט זִיךְ גֶע'גֶט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוּן פַארְוָואס זִי הָאט זִיךְ גֶע'גֶט דִי צְוֵוייטֶע מָאל. עֶס קֶען זַיין אַז זִי אִיז אַ וואוֹילֶע אוּן אַ גוּטֶע, זִי אִיז פָּשׁוּט אַרַיינְגֶעפַאלְן. אוּן גֵיי אַרוֹיס מִיט אִיר, טְרֶעף זִיךְ מִיט אִיר, רֶעד מִיט אִיר אוּן אַז זִי גֶעפֶעלְט

דִיר - גֵיי אַרוֹיס נָאכְאַמָאל; בַּיי זִיווּג שֵׁנִי אִיז כְּדַאי צוּ רֶעדְן מֶער ווִי אֵיין מָאל.

בְּנוֹגֵעַ אַז אִיר מַאמֶע אִיז אַ גִּיּוֹרֶת; דָאס דַארְף דִיר בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטֶערְן.

הָעִקָּר גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ מְבַטֵּל צוּם בַּאשֶׁעפֶער. גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס. הוֹיבּ אָן פוּן אָנְהוֹיבּ; יֶעדֶע מָאל מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הוֹיבְּט מֶען אָן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ, כְּאִילוּ דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁמוּעֶס, דֶערְצֵייל אִים פוּן דַיין לֶעבְּן, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶערְצֵייל אִים פַארְוָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶע'גֶט, אַז זִי הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי אִידִישֶׁע וֶועג, אוּן דֶערְצֵייל אִים דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען רֶעדְט דִיר, שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶע מַעֲלוֹת אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן; אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין קְלָאר וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

הִתְבּוֹדְדוּת קְלָארְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְט אִים וָואס צוּ טוּן אִין לֶעבְּן.

שְׁרַייבּ מִיר אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיר גֵייעֶן נִישְׁט צוּ דִי בְּחִירוֹת אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט מִיט קַיין שׁוּם פַּארְטֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעסֶער. אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, נֶעכְטְן נַאכְט אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ דֶער גַבְּאַי פוּנֶעם בֵּית הַתַּבְשִׁיל, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט שִׁיקְן עֶפֶּעס צוּם שְׁטֶעטְל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ מִיר. אִיךְ הָאבּ קוֹים גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיט אִים פוּן אַזוֹיפִיל הִיסְן, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ", אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ וָואלְסְטוּ יֶעצְט בַּאקוּמֶען אַ יְדִיעָה אַז דוּ הָאסְט גֶעווִינֶען אַסַאךְ גֶעלְט, וָואלְסְטוּ

גֶעטַאנְצְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ? דַארְפְן מִיר דָאךְ אַ גַאנְצְן צַייט טַאנְצְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס אִיז וֶוערְד מֶער פוּן כָּל הוֹן דְעַלְמָא.

מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַארְ'ן בֵּית הַתַּבְשִׁיל לִזְכוּת דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט?" אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעסֶער.

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר, זַיי קְלוּג, כַאפּ זִיךְ מִיט מִיטְ'ן בְּלַאט גְמָרָא. הַיינְט אִיז דִי דַף, דַף ז' פוּן מַסֶכֶת נְדָרִים. הַיינְט ז' חֶשְׁוָן אִיז דִי יָארְצַייט פוּן רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶער גֶעדַאנְק אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִינְאֵיינֶעם דֶעם זֶעלְבְּן בְּלַאט גְמָרָא. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן, וַוייל עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר מְקָרֵב זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יָארְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זַיין בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער קִיבּוּץ. אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר הֶערְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, פוּן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אָן חֲזָרָה, אוּן וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס - דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי חֲזָרָה, גֵייט מֶען אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס.

בְּנוֹגֵעַ דִי בְּחִירוֹת; אִיךְ זָאג דִיר קְלָאר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן, דַארְפְסְט נִישְׁט מַיין עֵדוּת, נֵיתֵי סֵפֶר וְנֶחֱזֶה, הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל - וֶועסְטוּ זֶען אִין דִי בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט וֶועגְן דִי טְמֵאִים, וֶועגְן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי. קוּק וִויפִיל בְּרִיוו מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט וֶועגְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה, דִי לְשׁוֹנוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס, אַז אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זֶעט מֶען ווִי מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע פַּארְטֵייעֶן. אוּן דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן קוּמֶען מִיר פָארְהַאלְטְן אַז מֶען זֶעט אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ ווִי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל יָא גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן הוֹרָאַת שָׁעָה; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט כַּמָּה פְּעָמִים זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט אַ כַּוָּנָה וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער הַיינְט אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ מֶער דִי גַאנְצֶע זַאךְ; מִיר גֵייעֶן נִישְׁט צוּ דִי בְּחִירוֹת אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט מִיט קֵיין שׁוּם פַּארְטֵיי.

הַיינְט נאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוּיעֶן צַאמְקוּם אִין שְׁטֶעטְל, אִין בִּנְיַן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה. אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן צוּ זָאגְן בְּנוֹגֵעַ דִי עָתִיד פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיבֶּער דְרַייסִיג מִשְׁפָּחוֹת אַרָאפְּגֶעסֵיינְט פוּן טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז שׁוֹין אִיבֶּער דְרַייסִיג מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעסֵיינְט פוּן דִי גְרוּפְּס פוּן טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ, אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיף עֶנְגֶער גְרוּפּ פוּן בַּאקוּמֶען אַלֶע הוֹדָעוֹת פוּן דִי קְהִילָּה אוּן שְׁטֶעטְל - אוֹיפְ׳ן הֵיים טֶעלֶעפָאן; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס עֶנְק טוּעֶן.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז נָאר אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז שֶׁעדְלִיךְ אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אוֹיךְ אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ טֶעלֶעפָאן מִיט טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ קֶען זַיין זֵייעֶר נִישְׁט גוּט פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, מֶען קֶען זִיךְ פַארְטִיפְן אִינֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן פַארְגֶעסְן פוּן מַאכְן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט; אַנְשְׁטָאט אָנְגְרֵייטְן עֶסְן אוּן מַאכְן דִי וֶועשׁ - זִיצְט מֶען מִיט דִי טֶעלֶעפָאן אוּן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי מֶעסִידְזְשׁ.

אִיךְ דַאנְק עֶנְק פַארְ׳ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן קֶענֶען מִיט הַאלְטְן אַלֶע אַקְטִיוֶועטֶעטְן אָן הָאבְּן טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ.

אוֹיבּ קֶען אִיךְ בֶּעטְן, אוֹיבּ מֶען קֶען אַרוֹיפְלֵייגְן מַיין הֵיים נוּמֶער אוֹיף דִי סִיסְטֶעם; מִיר ווִילְן אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַלֶע הוֹדָעוֹת פוּן שְׁטֶעטְל. מִיר וואוֹינֶען נָאכְנִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, אָבֶּער דִי קָאפּ אוּן הַארְץ אִיז שׁוֹין דָארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּשֶׁערְן אַ קִינְד אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מַזָל טוֹב צוּ דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט מַאכְן פֵּאוֹת פַאר דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

בְּנוֹגֵעַ שֶׁערְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ; עֶס אִיז אַ צַוָואַת רֶבִּי יְהוּדָה הַחָסִיד זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁערְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ (צַוָואַת רַבֵּינוּ יְהוּדָה הַחָסִיד, סִימָן מח). הֲגַם עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז מַאכְן פֵּאוֹת פַאר אַ דְרֵייִ יֶעְרִיג קִינְד - קֶען מֶען יָא, אֲפִילוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דָאךְ זָאלְסְטוּ אָפְּשֶׁערְן - אָדֶער עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אָדֶער אַ טָאג נָאךְ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ.

אַגַב, אַ כַּלָה וָואס הָאט חֲתוּנָה רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בַּיינַאכְט שֶׁערְט זִיךְ אָפּ גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ מְטַהֵר זַיין וְכוּ' - שֶׁערְט מֶען זִיךְ אֲפִילוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיין אַמְט, זַיין אַ גַבַּאי אִין שְׁטֶעטְל; זֶע אַז אַלֶעס אִין שְׁטֶעטְל זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בָּארְג נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה בִּיז אִיךְ בַּאצָאל אַלֶע חוֹבוֹת בִּיז אַהֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בִּילְד פוּנֶעם בִּנְיָן וָואס דוּ ווִילְסְט מִיר זָאלְן קוֹיפְן נֶעבְן שְׁטֶעטְל פַאר אַ קִימְפֶּעטָארִין הֵיים. עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶער בִּנְיָן אוּן עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאץ גֶעאֵייגְנְט פַאר פְרוֹיעֶן זִיךְ אָפְּצוּרוּיעֶן נָאכְן גֶעבוֹירְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען בְּשׁוּם אֵין אוֹפְן יֶעצְט בָּארְגְן נָאךְ גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶועְן בְּלִי נֶדֶר אַז אִיךְ בָּארְג מֶער נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה בִּיז אִיךְ בַּאצָאל אַלֶע חוֹבוֹת בִּיז אַהֶער.

נָאךְ אַ זַאךְ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוֹיפְן קַיין שׁוּם זַאךְ פַאר דִי מוֹסָד אוֹיף מָארְטְגִידְזְשׁ, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דִי פְּרָאצֶענְט רַאטֶעס זֶענֶען זֵייעֶר הוֹיךְ. בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיט נִיסִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען אַלֶע בִּנְיָנֵי הַמּוֹסָד אָן קַיין מָארְטְגִידְזְשׁ, וֶועט מֶען וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן נִיסִים.

אִיךְ פְּרוּבִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ פָאלְגְן מוֹהֲרָא״שׁ וָואס הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נָאר הַאלְטְן בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וָואס גֵייעֶן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה יֶעדְן טָאג. יֶעצְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְּרִישֶׁער זְמַן, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען זֵייעֶר גוּטֶע בָּחוּרִים, זֵיי גֵייעֶן אַלֶע יֶעדֶע נַאכְט צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה; אִיךְ הָאף צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת אוּן זִיךְ קֶענֶען רוּקְן וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

שִׁיק נִישְׁט קַיין יוּנְגֶע בָּחוּרִים קַיין אַמֶערִיקֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

בְּנוֹגֵעַ שִׁיקְן דַיין בָּחוּר קַיין אַמֶערִיקֶע; לְדַעְתִּי טוּ דָאס נִישְׁט, שִׁיק נִישְׁט קַיין יוּנְגֶע בָּחוּרִים קַיין אַמֶערִיקֶע. מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דֶעם זְמַן אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִין יְרוּשָׁלַיִם, דֶער מַגִיד שִׁיעוּר דָארְט הָרַב מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל שְׁטֶעסְל שְׁלִיטָ״א - אִיז אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, עֶר הָאט אַסַאךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מִיר, עֶר הָאט אַסַאךְ וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר דִי בָּחוּרִים; עֶנְדֶערְשׁ שִׁיק דַיין בָּחוּר דָארְט אִין יְשִׁיבָה ווִי אֵיידֶער שִׁיקְן קַיין אַמֶערִיקֶע זִיךְ וַואלְגֶערְן דָא וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בְּנוֹגֵעַ דִי בְּחִירוֹת; לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי פַּארְטֵייעֶן, אַלֶעס אִיז נָאר גֶעלְט אוּן כָּבוֹד, מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין יְשִׁיבָה, בְּלַייבּ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶע לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הֶער אוֹיף דִיר זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן, אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַתְמָדָה אוּן דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אִיבֶּער פַאר אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ; דוּ הָאסְט גֶעבּוֹיט דִי סוּכָּה אוּן צֶענוּמֶען דִי סוּכָּה, אוֹיךְ זָארְגְסְטוּ פַאר יֶעדֶע זַאךְ - מִדָּבָר קָטָן עַד דָּבָר גָּדוֹל. אוֹיךְ הֶעלְפְסְטוּ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אִין חֶדֶר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, וָואס מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי'ן - אִיז אַ נִצְחִיּוּת, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאר גוּטְס פַאר'ן מֶענְטְשׁ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. זָארְג נִישְׁט, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועְרְסְטוּ אַ חָתָן. דַארְפְסְט נִישְׁט גֵיין זוּכְן אַ יְשִׁיבָה, בְּלַייבּ זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ, נַ"ךְ, מִשְׁנָיוֹת, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, תִּיקוּנִים, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל; דִי פוּפְצְן שִׁיעוּרִים, אַבִּיסְל פוּן יֶעדֶע סֵפֶר, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ גֵיין מִתְבּוֹדֵד זַיין - וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## סֵדֶר הַשִּׁיעוּרִים פַאר אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבָה קְטַנָּה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן אוֹיךְ גֵייסְטוּ הַפָּצָה.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וָואס פַּאר אַ שִׁיעוּרִים דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען; מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא מִיט'ן תַּרְגוּם, אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ: זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דִי צְוֵוייטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זָאג דִי ווערְטֶער שֵׁיין, הוֹיךְ אוּן קְלָאר, אוֹיפְ'ן קוֹל. אוֹיבּ אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַכְצְן - קֶענְסְטוּ עֶס אַיינְטֵיילְן אוֹיף זֶעקְס פְּרָקִים אִינְדֶערְפְרִי, שְׁפֶּעטֶער נָאךְ זֶעקְס פְּרָקִים אוּן פַארְנַאכְטְס נָאךְ זֶעקְס פְּרָקִים; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סְדָרֵי מִשְׁנָה יֶעדֶע חוֹדֶשׁ.

דִי דְרִיטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא. הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן אֵיין מָאל שַׁ"ס - זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל אוּן גֵיין כְּסִדְרָן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַ דְרִיטֶע מָאל; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶערְנְסְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה וֶועט מֶען דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג; דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר הָרַב מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל שְׁלִיטָ"א וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

לָאז זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן קֵיינֶעם, זִיץ אִין דַיין ווִינְקֶעלֶע אוּן זָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוֹיפְ'ן קוֹל מִיט אַ נִיגוּן, אוּן יֶעדֶע מָאל דוּ זָאגְסְט אַ נָאמֶען פוּן אַ תַּנָא אָדֶער פוּן אַן אֲמוֹרָא - זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי דוּ שְׁטֵייסְט פַּאר דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא אָדֶער אֲמוֹרָא, אוּן דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים בֶּעטְן אַז דַיין קָאפּ זָאל זִיךְ עֶפְּעֶנֶען, דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין דִי גְמָרָא. אַזוֹי פִירְן זִיךְ דִי צַדִיקִים, וֶוען זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה - מָאלְן זֵיי זִיךְ אוֹיס ווִי דֶער תַּנָא, דֶער אֲמוֹרָא - שְׁטֵייט דָא; זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה.

נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַמִדוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שעט), דֶער סֵפֶר הָאט אִים גֶעמַאכְט פַּאר אַ אִיד; לֶערְן דָאס, אוּן בַּיי יֶעדֶע אוֹת זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, אוּן אוֹיב אִיז דָאס אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ - זָאלְסְטוּ וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ וָואס טוּט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן סֵפֶר תְּהִלִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ'

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן פוּן אַייעֶר טַאטֶע אַז אִיר הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען נָאכְאַמָאל סֵפֶר תְּהִלִים, דָאס וַוייזְט אַז אִיר זֶענְט אַ קְלוּגֶע מֵיידְל; אַז אִיר נֶעמְט אַרָאפּ אַפָּאר מִינוּט אַ טָאג צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִים; תְּהִלִים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פג) אַז תְּהִלִים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּהִלִים הִיט אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִינְוֶועסְטִיר נָאר אִינְדֶערְהֵיים, וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִן הַסְתָּם קוּמְט מֶען צוּ דִיר אוֹיךְ מִיט דִי חֲלוֹמוֹת אַז מֶען קֶען יֶעצְט אִינְוֶועסְטִירְן אוּן מַאכְן אַסַאךְ רְוָוחִים וְכוּ' וְכוּ'; אַלֶעס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, הֶער נִישְׁט אוֹיס, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן; אִינְוֶועסְט אִין דַיין שְׁטוּבּ, אִינְוֶועסְט אִין דַיינֶע קִינְדֶער, אִינְוֶועסְט אִין דַיין נְשָׁמָה.

גֵיי אַהֵיים צַייטְלִיךְ, בְּלַייבּ נִישְׁט אִין גַאס, גֵיי אַהֵיים הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ. זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל

וַואסֶער. אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן - וֶועסְטוּ נָאךְ אַבִּיסְל זִיךְ זֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶער בִּיק אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וִויסְן וָואס צוּ טוּן מִיט אִים, עֶר וֶועט דִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, עֶר וֶועט דִיר שְׁפֵּייעֶן אוּן לַאכְן אִין פָּנִים.

אַזוֹי אוֹיךְ דַיינֶע טֶעכְטֶער, אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן אִין זֵיי יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, דוּ וֶועסְט זֵיי לָאזְן הֶפְקֵר, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער זַיין אִין דַיין טֶעלֶעפָאן מִיט דַיינֶע כְּלוֹמְרְ'ישֶׁע חֲבֵרִים - וֶועסְטוּ זִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל זֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע מֵיידְל וָואס וֶועט דִיר אַיינְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן; זִי וֶועט דִיר דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט אָנְשְׁרֶעקְן, אִיךְ וִויל דִיר אָבֶּער אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, פוּן דַיין טִיפֶע חָלוֹם, פוּן אִינְוֶועסְטִירְן אוּן פוּן מַאכְן נָאךְ גֶעלְט אוּן נָאךְ גֶעלְט אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים; גֵיי אַהֵיים, זַייץ אִין שְׁטוּבּ, בַּיינַאכְט גֵייט מֶען נִישְׁט אַרוֹיס אִין גַאס. קוֹדֶם זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אַבִּיסְל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, נָאכְדֶעם, וֶוען זֵיי גֵייעֶן שְׁלָאפְן - זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן אַבִּיסְל אַסַאךְ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי פָּאלִיטִיק, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט אוֹיסְמַאכְן וֶוער עֶס אִיז גֶעוָוארְן פְּרֶעמִיעֶר מִינִיסְטֶער אִין מְדִינַת יִשְׂרָאֵל אוּן וֶוער עֶס גֵייט וֶוערְן גָאוֶוערְנָאר אִין נְיוּ יָארְק, אַלֶעס וֶועט בְּלַייבְּן דִי זֶעלְבֶּע. אַלֶעס אִיז הֲבֵל הֲבָלִים; אַלֶעס אִיז נָאר אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר פִירְט אַלֶעס, מַאכְט אַלֶעס אוּן אִין אִים וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט גֶעוואוּנֶען, דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֵייג וַוייטֶער אַרוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף "קוֹל הַלָּשׁוֹן"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן מִיט דִי שִׁיעוּרִים נָאר דוּרְךְ קוֹל הַלָּשׁוֹן, בִּפְרַט מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, מִיט כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט - וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ הֶערְן אוּן זֶען דִי שִׁיעוּרִים נָאר דוּרְךְ קוֹל הַלָּשׁוֹן; יֶעצְט זָאגְן זֵיי אַז שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְרִישֶׁע שִׁיעוּרִים.

וְויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער אַרוֹיפְלֵייגְן אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף קוֹל הַלָּשׁוֹן, דָאס אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה. הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ דַוְקָא דוּרְךְ קוֹל הַלָּשׁוֹן, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט אִין אוּמַאן אַז זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ קוֹל הַלָּשׁוֹן.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים אוּן דִיר מַאכְן שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ וְויל אִם יִרְצֶה הַשֵׁם גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ וְויל אִם יִרְצֶה הַשֵׁם גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, בִּפְרַט דִי זְמַן זֶענֶען גֶעקוּמֶען בָּחוּרִים פוּן יַבְנְאֵל וָואס קֶענֶען נִישְׁט קַיין אִידִישׁ - וֶועל אִיךְ גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין שִׁיעוּר אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

לְעֵת עַתָּה שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אִיךְ הִיס זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן דִי קוֹל אִיז מִיר אוֹיסְגֶערִיסְן, אִיךְ קֶען קוֹים רֶעדְן. מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, אַז אִיךְ וֶועל צוּרִיק הָאבְּן מַיין קוֹל - וֶועל אִיךְ גְלַייךְ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין לָשׁוֹן

הַקוֹדֶשׁ, מֶען וֶועט דָאס אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן לֵיין און דוּ מִיט אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְן דָאס קֶענֶען הֶערְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגּוּם יֶעדְן טָאג, אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ׳ן וָואךְ לוֹיטְ׳ן טָאג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; דַארְפְסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער - דָאס וֶועט דִיךְ מְטַהֵר זַיין און גֶעבְן כֹּחַ צוּ קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. בִּפְרַט בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט זֵיי אַרָאפּ נָאכְאַנַאנְד אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה; וְוִיפִיל זֵיי פְּרוּבִּירְן לוֹחֵם זַיין - פַאלְן זֵיי וַוייטֶער און וַוייטֶער, פַאר זֵיי אִיז דִי עֵצָה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָה הַרְגְ׳עט דֶעם יֵצֶר הָרָע.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ׳ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### סְגוּלוֹת פַאר פַּרְנָסָה און עֲשִׁירוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, בְּרַאכְפֶעלְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין רָב, דַיין דַיָּין, זָאגְט עֶנְק צוּ וַוארְטְן וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר וַוארְטְן; פָאלְג דַיין רָב, וַוארְט וְכוּ׳.

בְּנוֹגֵעַ פַּרְנָסָה; מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט אַ סְגוּלָה לְפַרְנָסָה, אַ סְגוּלָה לַעֲשִׁירוּת - צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִינֶעוֵוייְנִיג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, בָּדוּק וּמְנוּסֶּה; וֶוער עֶס אִיז מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער - וֶוערְט רַייךְ.

נָאךְ אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת - אִיז לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָ״ה בַּאטְרֶעפְט פַּרְנָסָ״ה - דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף און נַיינְצִיג. לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, זָאג דִי

וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. גֵיי כְּסִדְרָן, הוֹיבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, זָאג אַ וָוארְט נָאךְ אַ וָוארְט ווִי אַ קְלֵיין קִינְד, זִינְג דִי מִשְׁנָה מִיט אַ גֶעשְׁמַאקְקֵייט - וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ לֶערֶערִין דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ', לֶערֶערִין בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ לֶערֶערִין, לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אֱמוּנָה, צְנִיעוּת, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְּן דִי תּוֹרָה לֶעבְּן; דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַייט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אַז קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט, אַזוֹי קוּמֶען קִינְדֶער; קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט, אוּן דִי אַרְבֶּעט לִיגְט אוֹיף אוּנְז זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען יָא צוּ פָּאלְגְן.

יֶעצְט בַּיים אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם יָאר זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ, גֶעבְּט אַוֶועק אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט - קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן, אוּן אַז דִי קִינְדֶער רֶעדְן וַוייטֶער - בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אוּן וַוארְטְס מֶען זָאל זַיין שְׁטִיל, אוּן אַז מֶען רֶעדְט וַוייטֶער זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר דֶעם קִינְד: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט". אֲפִילוּ עֶס וֶועט אַוֶועקְגֵיין אַסַאךְ צַייט פַאר דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קֵיין צַייט פַארְ'ן לִימוּד - אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, וַוייל דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה.

דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ לֶערֶערִין אִיז, זִי דַארְף הָאבְּן זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט; בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ דַארְף זִי וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען: 'דִי

קִינְדֶער דַארְפְן מִיךְ פָּאלְגְן אוּן גֵייעֶן מִיךְ פָאלְגְן, אוּן אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וֶועט מֶען מִיךְ מוּזְן פָאלְגְן בַּיים צְוֵוייטְן מָאל׳; מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִינֶעוֵוייניג אִין זִיךְ, צוּ וִויסְן אַז ׳דִי קִינְדֶער דַארְפְן מִיךְ פָאלְגְן אוּן זֵיי וֶועלְן מִיךְ פָאלְגְן׳, אוֹיב דִי לֶערֶערִין אִיז אַלֵיינְס מְסוּפָּק, זִי טְרַאכְט ׳דִי קִינְדֶער גֵייעֶן מִיךְ זִיכֶער נִישְׁט פָאלְגְן׳ - אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט פַאר אִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

הַלְוַאי זָאלְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אָדֶער לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדֶע וָואךְ וָואס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פְרוֹיעֶן קֶענֶען מַאכְן הַפָּצָה פַאר פְרוֹיעֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ אַ פְרוֹי מֶעג גֵיין הֲפָצָה; אַוַדַאי קֶענֶען פְרוֹיעֶן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, נִישְׁט נָאר מֶען קֶען - עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; וֶוער דֶען דַארְף חִיזוּק אוֹיבּ נִישְׁט אִידִישֶׁע מַאמֶעס, אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן - וָואס זֶענֶען פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי לַיידְן אַזוֹיפִיל צַעַר אוּן יְסוּרִים פוּן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם פַאר פְרוֹיעֶן צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, אָבֶער אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ נָאר פַאר פְרוֹיעֶן, נִישְׁט פַאר מֶענֶער אָדֶער בָּחוּרִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, ד): ״אַבְרָהָם הָיָה מְגַיֵּר אֶת הָאֲנָשִׁים״ אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְגַיֵּיר גֶעוֶוען מֶענֶער, ״וְשָׂרָה מְגַיֶּרֶת אֶת הַנָּשִׁים״ אוּן שָׂרָה הָאט מְגַיֵּיר גֶעוֶוען פְרוֹיעֶן; יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק אִין זַיין פְלַאץ.

בְּנוֹגֵעַ בָּאדְן צְוֵויי מֵיידְלֶעךְ אִינְאֵיינֶעם; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְלֶעם. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**חִזּוּק פַאר קְרַאנְקֶע אִידְן אִין שְׁפִּיטֶעלֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אַז אִיר הָאט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי אֵיין אוּן פֶערְצִיגְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים. אִיר פִּירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שֵׁיין אוּן גוּט, אַזוֹי וִוי אִיר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אִין אוּנְזֶער שׁוּלֶע אִין אַמֶערִיקֶע. אִיר זֶענְט אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה; אַלֶע זֶעעֶן וָואס אִיז דָאס בֵּית פֵיגָא.

ווָאוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר גֵייט אִין שְׁפִּיטֶעלֶער טֵיילְן עֶסְן פַאר קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אִיר רֶעדְט מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען רֶעדְט צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, מֶען וֶועקְט זֵיי אוֹיף, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק. דִי אַלֶע זֶענֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, מֶען הָאט גֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס אוּן אוֹיסְגֶע׳שְׁמַדְ׳ט. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט, זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט - אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא מַאסְן שְׁמַד, אוֹיס צוּ שְׁמַדְ׳ן מִילְיָאנֶען אִידְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט ווִיסְן פוּן "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", זֵיי זָאלְן נִישְׁט ווִיסְן פוּן "אָנֹכִי הַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ"; אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי אֱמוּנָה.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ; אִיךְ הָאף אַז אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אִיז נָאךְ אִידִישׁ. זוּכְט אַייךְ אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, גֵייט דָארְט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אַייעֶר הַארְץ, שְׁמוּעֶסְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ נָאנְטֶער פְּרַיינְט - וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, עֶס וֶועט אַייךְ זַיין גוּט.

שְׁרַייבְּט מִיר נָאךְ וֶועט אִיר מִיךְ מְחַיֶּ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַן הַקְפָּדָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע, מֶען הָאט דִיר מְכַבֵּד גֶעוֶועז צוּ רֶעדְן דִבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת וְכוּ' פַאר פְרוֹיעֶן אוּן מֶענֶער אוֹיסְגֶעמִישְׁט, דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט גֵיין זֵיי מְחַזֵּק זַיין; חַס וְשָׁלוֹם, גֵיי נִישְׁט רֶעדְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט פְרוֹיעֶן אוּן מֶענֶער.

גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט רֶעדְן מִיט פְרוֹיעֶן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יג:): "אֵין אַפּוֹטְרוֹפּוּס לַעֲרָיוֹת"; זַיי מְחַזֵּק מֶענֶער, אִינְגֶעלַייט מִיט בָּחוּרִים. גֶעדֶענְק, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, ד): "אַבְרָהָם הָיָה מְגַיֵּיר אֶת הָאֲנָשִׁים", אַבְרָהָם הָאט מְגַייֵר גֶעוֶועזְן מֶענֶער, "וְשָׂרָה מְגַיֶּירֶת אֶת הַנָּשִׁים", אוּן שָׂרָה הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי פְרוֹיעֶן, וד"ל.

בְּעִנְיַן זָאגְן שַׁבָּת קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִי וִידּוּי; שַׁבָּת זָאגְט מֶען נִישְׁט קַיין וִידּוּי נָאר אֵיינֶער וָואס לֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה אַז 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס מַיין לֶעצְטֶע נַאכְט?' אַזַא אֵיינֶער קֶען זִיךְ יָא מִתְוַדֶּה זַיין. דָא הָאסְטוּ וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כח, מִכְתָּב ד' תקל): "אֲבָל מִי שֶׁחַי בְּהַרְגָּשָׁה כָּזוֹ, שֶׁאוּלַי זֶה יוֹמוֹ הָאַחֲרוֹן" וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה 'אֶפְשָׁר אִיז הַיינְט נַאכְט מַיין לֶעצְטֶע נַאכְט?' "הוּא מִתְוַדֶּה", אַזַא אֵיינֶער קֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, "אִם אָדָם דָּבוּק בְּהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְיוֹדֵעַ שֶׁהַלַּיְלָה הַזֶּה הוּא יוֹמוֹ הָאַחֲרוֹן" אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵוייסְט 'הַיינְט אִיז מַיין לֶעצְטֶע נַאכְט בָּזֶה הָעוֹלָם', "לְאָדָם כָּזֶה מֻתָּר לוֹמַר וִידּוּי בְּשַׁבָּת וּבְיוֹם טוֹב" אַזַא אֵיינֶער מֶעג זָאגְן וִידּוּי אוֹם שַׁבָּת.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן אַלֶע עֵצוֹת פוּן מוֹהֲרָא"ש וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס מֶען זָאגְט דִיר אַז עֶס וֶועט דִיר שָׁאטְן דִי הַקְפָּדָה פוּן דֶעם אַדְמוֹ"ר וְכוּ'; דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, עֶר הָאט זִיכֶער נִישְׁט קַיין הַקְפָּדָה אוֹיף דִיר, עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ זִיכֶער אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, עֶר אַלֵיינְס וָואלְט אוֹיךְ אַנְטְלָאפְן צוּם רֶבִּי'ן, נָאר דוּ וֵוייסְט דָאךְ וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט, אַן אַדְמוֹ"ר אִיז גֶעבִּינְדְן אִין קֵייטְן וְכוּ'.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין הַקְפָּדָה; זַיי זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַייט מִיר מַזְכִּיר בַּיים זָאגְן תְּהִילִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן ... תְּחְיֶ'

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען נָאכְאַמָאל סֵפֶר תְּהִלִים; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִים. אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט מִיר מַזְכִּיר זַיין בַּיים זָאגְן תְּהִלִים, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר בַּאפוֹילְן.

וָואס אִיר דַארְפְט אוּן וָואס אִיר ווִילְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז עֶר, מֶען דַארְף אִים נָאר בֶּעטְן, אוּן וָואס מֶען בֶּעט בַּאקוּמְט מֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

גֶעוּוינֶען דִי לַאטֶערִי, וֶועט מִיר מַאכְן פְרֵיילִיךְ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כה): "כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל; וָואס אִיז דָאס שֵׂכֶל אוּן וָואס אִיז דָאס דִמְיוֹנוֹת? אַלֶעס וָואס הָאט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז שֵׂכֶל; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְהַוֶּה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, עֶר וַוארְט אִיךְ זָאל אָנְטוּן תְּפִילִין, עֶר וַוארְט אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ אִים' - דָאס אִיז שֵׂכֶל; אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען טְרַאכְט אוּן מֶען רֶעדְט, 'אוֹיבּ דֶער וֶועט גֶעוּוינֶען - וֶועט זַיין גוּט אוּן אוֹיבּ יֶענֶער וֶועט גֶעוּוינֶען וֶועט זַיין נִישְׁט גוּט' - דָאס אִיז אַלֶעס כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אוּן אַז מֶען טְרַאכְט: 'אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֶעוּוינֶען דִי לַאטֶערִי וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ' - דָאס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹן.

ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן כֹּחַ הַמְדַמֶּה? דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַז מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן מָשִׁיחַ, וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט - אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מָשִׁיחַ אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן מֵסִיחַ אִלְמִים, מָשִׁיחַ וֶועט מַאכְן אַלֶע שְׁטוּמֶע זָאלְן שְׁמוּעֶסְן; וָואס מֵיינְט שְׁטוּם? אַז מֶען רֶעדְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם - אוֹיסֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען טוּט, אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט, ווִי שְׁטַארְק אִיךְ בִּין פַארְנַארְט; אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ גֵיי לֶעבְּן פַאר אֵייבִּיג, אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ הָאבּ, אִיךְ מַאךְ אוּן טוּ, אִיךְ פַארְגֶעס אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ וֶועל נָאךְ אַבִּיסְל דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן אִיבֶּערְלָאזְן מַיין הָאבּ אוּן גוּטְס פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ

**זָאל הַיינְט עֶפֶענֶען אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת; אִיךְ זָאל זִיךְ מִיט קֵיינֶעם קְרִיגְן" - דָאס אִיז שֵׂכֶל.**

הַיינְט נַאכְט וֶועל אִיךְ גֶעבְּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר אֲפִילוּ אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיךְ הִיס נָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׁפִּיר נִישְׁט שׁוּלְדִיג אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מַאךְ אַ בְּרָכָה "בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי"; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן אִיר. הָאסְט אַ נֵס אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי שִׁידוּךְ; אַז זִי הָאט אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַ שַׁארְפְן מֶעסֶער אוּן דִיךְ גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז זִי גֵייט זִיךְ שֶׁעדִיגְן אוֹיבּ דוּ טוּסְט נִישְׁט וָואס זִי ווִיל - ווַייזְט דָאס אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְרַייבּ אַרוֹיס יֶעדֶע פִּינְטְל פוּן זִיךְ שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג. יֶעצְט גֵייסְטוּ אַרִיבֶּערְגֵיין אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, דֶער יֵצֶר הָרָע גֵייט דִיר נָאכְלוֹיפְן מִיט מַחֲשָׁבוֹת אַז 'דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג', 'דוּ הָאסְט וֵויי גֶעטוּן אַ מֵיידְל אוּן דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ וְכוּ' וְכוּ'; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, טְרַייבּ אַוֶועק דִי אַלֶע גֶעפִילְן, יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמְט אַרַיין אִין דִיר דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי מֵעָנְשׁוֹ שֶׁל זֶה".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פָארְן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: יֶעדֶע בָּחוּר אוּן יֶעדֶע מֵיידְל וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים לִזְכוּתוֹ - וֶועט עֶר נִישְׁט רוּעֶן בִּיז עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ; זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, אוּן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַזוֹי גֶעטוּן - זָאלְסְטוּ גֵיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; מֶען

מֶעג מוּטְשֶׁען אַ צַדִיק, און מֶען דַארְף מוּטְשֶׁען אַ צַדִיק.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת און אֵיין בְּלַאט גְמָרָא כְּסִדְרָן - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב מִיר קֶענֶען מְבַשֵׂר זַיין פון דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ וִויל מְלַמְּדִים און טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר אַרְבֶּעט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תָּשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוִויסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון זַיין אַ מְלַמֵד, וְוִי אַזוֹי מֶען קוּקְט אִין הִימְל אוֹיף אַ מְלַמֵד - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג: "אַ מְחַיֶ׳ אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד!" וָואלְסְט גֶעדַאנְקְט און גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זְכוּת צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

אִיךְ טוּ דָאס שׁוֹין כִּמְעַט צְוָואנְצִיג יָאר, פון שְׁנַת תשס״ד לֶערְן אִיךְ תּוֹרָה מִיט בָּחוּרִים, פון אֵיין זַייט אִיז דָאס אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶער פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס דִי זִיסְטֶע זַאךְ, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ; אִיךְ וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִין דִי וֶועלְט. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים כז, ד): "שִׁבְתִּי בְּבֵית ה׳ כָּל יְמֵי חַיַּי", אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען זִיצְן אִין בֵּית הַשֵּׁם מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

לָאז מִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט זַיין אַ מְלַמֵד, וַוייל אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט - וִויל אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיי אוּנְז וַוייטֶער מְלַמֵד; אִיךְ וִויל מְלַמְּדִים און טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צְוֵויי זַאכְן דַארְף מֶען טוּן צוּ בְּלַייבְּן מְקֻשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תָּשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲבֵרִים וָואס וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

יֶעצְט בַּיים שְׁרַייבְּן דֶעם בְּרִיוו זִיץ אִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט אִינְטֶערְוִוינֶעס, אִיךְ הִיס זֵייעֶר שְׁטַארְק שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי וָואכְן. דֶער דָאקְטֶער זָאגְט עֶר זֶעט גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ שְׁטִיק זִיךְ מַמָּשׁ, אִיךְ פַארְלִיר מַיין אָטֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ דִי וָואךְ גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, וָואס זַיין טַאטֶע אִיז אַן הַצָּלָה מַאן. עֶר הָאט מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"ש פוּנֶעם הַארְץ אַטַאקֶע בִּיזְן הִסְתַּלְּקוּת, דִי לֶעצְטֶע פִינְף יָאר. עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי אִיךְ הִיס, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶען אַ מֶעדֶעצִין וָואס וֶועט מִיר הֵיילְן אוּן גֶעבְּן כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם הַצָּלָה מַאן עֶר זָאל מִיךְ שְׁטֶעכְן אִין דִי לִינְקֶע הַאנְט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ עֶנְק קֶענֶען שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; אִיךְ דַארְף זִיצְן פַאר אַפָּאר שָׁעָה, ווִי לַאנְג דִי מֶעדֶעצִין גֵייט אַרַיין.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, מֶען זֶעט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; קִינְדֶער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע קַיין קִינְדֶער - דָאךְ קֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס מַאכְן. מֶען קֶען גֶעוִוינֶען אַ מִלְחָמָה מִיט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע קֶענִיגְן; אַבְרָהָם אָבִינוּ, אֵיינֶער אַלֵיין - הָאט זֵיי מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען מִיט אֱמוּנָה, דָאס לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, וֶועט מֶען אַלֶעס מְנַצֵּחַ זַיין.

יֶעצְט אִיז בַּיי עֶנְק צֶעטוּמְלְט מִיט דִי בְּחִירוֹת, ווִיל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, מַאכְט אַייךְ נִישְׁט נַארִישׁ, לוֹיפְט נִישְׁט נָאךְ דִי פַּארְטֵייעֶן, הֶערְט נִישְׁט קַיין נַייעֶס, עֶס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן אוֹיבּ דֶער גֶעוִוינְט אוּן אוֹיבּ יֶענֶער גֶעוִוינְט, דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן "מֶען מוּז שְׁטִימֶען פַאר דֶעם, ווַייל דֶער זָאגְט צוּ אַז עֶר גֵייט מַאכְן גוּט וְכוּ' וְכוּ'", דָאס אִיז אַלֶעס שֶׁקֶר וְכָזָב, אַלֶעס אִיז נָאר גֶעלְט אוּן כָּבוֹד, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֵרֶב רַב, מִיר דַארְפְן

גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט בַּאזוּנְדֶער אַלֶע בָּחוּרִים, קוּמְט נִישְׁט קַיין אַמֶערִיקֶע, בְּלַייבְּט עֶנְדֶערְשׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל – דָארְט מֵפִיץ זַיין דִי גִּלְיוֹנוֹת, סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִין יְרוּשָׁלַיִם מִיט אַ גוּטֶע מַגִּיד שִׁיעוּר, עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מִיר, עֶר הָאט גָאר אַסַאךְ וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר דִי בָּחוּרִים.

אוֹיךְ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס ווילְן בְּלַייבְּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאלְן וויסְן אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי גוּטֶע זַאכְן וָואס אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס – בְּלַייבְּט מֶען מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי׳ן. אֵיינְס אִיז דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, יֶעדֶער אֵיינֶער לְפִי בְּחִינָתוֹ דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְ׳ן תַּרְגּוּם, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ מִשְׁנָיוֹת; פוּן אֵיין פֶּרֶק – בִּיז וִויפִיל מֶען קֶען, יֶעדֶער לְפִי בְּחִינָתוֹ. אוּן זִיכֶער דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, דָאס הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ גֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ אִיז: זַיין אַ מֵפִיץ; עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי׳ן פַאר אַנְדֶערֶע, יֶעדֶער לְפִי כֹּחוֹ וּלְפִי בְּחִינָתוֹ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן, אַז מֶען אִיז אַ גֶעבֶּער, אַ מַשְׁפִּיעַ. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַן הֲלָכָה אִין הִלְכוֹת מְלִיחָה, אוֹיבּ מֶען זַאלְצְט אַסַאךְ פְלֵיישׁ אִינְאֵיינֶעם – אִיז אַלֶעס כָּשֵׁר, אָבֶער אוֹיבּ לִיגְן שְׁטִיקְלֶעךְ פְלֵיישׁ וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פוּן פְרִיעֶר גֶעזַאלְצְן – אִינְאֵיינֶעם מִיט פְלֵיישׁ וָואס מֶען זַאלְצְט יֶעצְט – גֵייט אַרַיין דִי בְּלוּט פוּן דִי שְׁטִיקְלֶעךְ אִין דִי גֶעזַאלְצֶענֶע שְׁטִיקְלֶעךְ, וַוייל זַאלְץ טוּט צְוֵויי פְּעוּלוֹת, סַיי עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דִי בְּלוּט, אוּן סַיי עֶס לֵייגְט אַרַיין דִי בְּלוּט, מַה שֶׁאֵין כֵּן אוֹיבּ אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ זֶענֶען גֶעזַאלְצְן, ווִיבַּאלְד אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי אֵייגֶענֶע בְּלוּט, נֶעמְט עֶס נִישְׁט אַרַיין קַיין פְרֶעמְדֶע בְּלוּט; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז, ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז טָרוּד לְמַפְלִיט, עֶר אִיז מַשְׁפִּיעַ, עֶר שְׁפֵּייט אוֹיס, עֶר אִיז מַשְׁפִּיעַ דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת – לֹא בָּלַע, נֶעמְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין זִיךְ אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע מַאכְט מֶען אוֹיךְ מְשׁוּגָע מִיט דִי וַואלְן, יֶעדֶער

שְׁרַייט מֶען זָאל שְׁטִימֶען פַאר דֶעם אָדֶער פַאר יֶענֶעם, און מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר הָאבְּן אֵיין עֵצָה פַאר גְּזֵרַת הַחִינוּךְ: ״תְּפִלָּה און נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה״, אֵיין עֵצָה צוּ קֶענֶען לֶעבְּן, נָאר אַז מֶען הַאלְט זִיךְ בַּיים רֶבִּי׳ן; מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וָואס הַאלְט אִין אֵיין דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט; גֵיי צוּ אִים, רֶעד צוּ אִים, וֶוענְד זִיךְ צוּ אִים.

יֶעדֶע פָּאר יָאר קוּמְט מֶען מִיט נֵייעֶ מַעֲשִׂיּוֹת, ׳דִי וֶועלְט אִיז אִין אַ סַכָּנָה, מֶען מוּז שְׁטִימֶען פַאר דֶעם, פַאר יֶענֶעם׳, וֶוען מֶען קוּקְט צוּרִיק אִיז אַלֶעס נַארִישׁ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, און ווייל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס זַיינֶע טֶעג און יָארְן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, עֶר לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים און דַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ און רֶעדְט שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם; דָאס אִיז נִצְחִיּוּת, דָאס בְּלַייבְּט.

בִּיז דֶערְוַוייל זִיץ אִיךְ דָא, אִיךְ וַוארְט דִי מֶעדֶעצִין זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין גֶעבְּן דִי שִׁיעוּר פַאר דִי אִינְגֶעלַייט.

אִיךְ קֶען נִישְׁט יֶעצְט קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גוּט, אָבֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ פָארְן.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט גֵיין אִין שְׁטֶעטְל, אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה און מֵיידְל שוּלֶע; אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### הַאלְט קָאפּ נִישְׁט אַריינְצוּפַאלְן שַׁבָּת אִין גֵיהִנוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶנְדְלִיךְ קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת, וָואס מִיר וֶועלְן זִיךְ נָאכְאַמָאל

קֶענֶען צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (יִתְרוֹ פח.): "מַהוּ שַׁבָּת" וָואס אִיז דָאס שַׁבָּת? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: "שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא", שַׁבָּת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען וֶוערְט פַארְאֵיינִיגְט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אַבִּיסְל קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּנֶעם וָואכְנְדִיגֶער גֶעיֶעג.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק א): "לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, "וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה", אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, "לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט שַׁבָּת מִיט קֵיינֶעם, הַאלְט קָאפּ נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִינֶעם גֵיהִנוֹם שַׁבָּת. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל אַרַיינְשְׁלֶעפְּן מֶענְטְשְׁן שַׁבָּת אִין גֵיהִנוֹם, אִין דִי פֵייעֶר פוּן מַחֲלֹקֶת; דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז שַׁבָּת זָאל מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען.

דַאנְקֶען גָאט אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעסֶער; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיינֶע תְּפִילוֹת.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ גֵיי מִיט דִי בָּחוּרִים - דִי גֶעצֵיילְטֶע בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי חוֹבוֹת פַאר דִי מוֹסָד. גֵיי דוּ אוֹיךְ נָאךְ גֶעלְט, הֶעלְף מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּאֵר קִינְדְלֶער

## מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען

בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה הָאבְּן דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן, זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ פַּארְמַאכְטֶע לַאגֶער אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט שְׁטֶעכֶעדִיגֶע דְרָאטְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן דָארְט. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעטוּן אַלֶע אִידְן מִיט פַארְשֶׁעמְטֶע קְלֵיידֶער, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אָן אַרֶעסְטַאנְטְן אִין תְּפִיסָה, אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גֶעלֶע שְׁמַאטֶע מִיט אַ מָגֵן דָוִד, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשׁוֹירְן אַלֶע אִידְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד מִיטְ׳ן נָאמֶען רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶענוּמֶען אִין לַאגֶער, דָארְט הָאט מֶען יֶעדְן אוֹיסְגֶע׳שׁוּרָה׳ט אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט יֶעצְט יֶעדְן אֵיינֶעם אָפְּשֶׁערְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת. רֶבִּי יִצְחָק הָאט גֶעוִויסְט פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶעוִויסְט אַז וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ מֶען

זָאל מִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת"; עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל.

דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, עֶר שְׁנַיידְט אָפּ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אִידְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי יִצְחָק הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן מַיין הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת"; עֶר קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער, עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיי רֶבִּי יִצְחָק אוּן... בְּ וּ וּ ם... ! דִי שֶׁערְל הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן.




דִי שֶׁערְל הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן

דֶער עֶס עֶס יִמַּח שְׁמוֹ וֶוערְט גֶערֶעגְט, עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן, עֶר וֶוערְט אִין כַּעַס, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי שֶׁערְל, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט, רֶבִּי יִצְחָק אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת אוּן הֵיילִיגֶע בָּארְד.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס מִיר ווילְן אוּן וָואס מִיר דַארְפְן – גֵייעֶן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס גֵייט מֶען נִישְׁט קֶענֶען בַּאקוּמֶען.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "אַ תְּפִלָּה, אַ תְּפִלָּה – אוֹיף דַיין אֵייגְן שְׁפְּרַאךְ, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה – בַּאקוּמְט מֶען יֶעדֶע זַאךְ, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה – וֶועסְטוּ נִיסִים זֶען, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה – יְשׁוּעוֹת וֶועט גֶעשֶׁען".